זיין אַ צרה, אַזאַ וואָס אירסגלייכן איז נישט געשען
זינט דעם אָנהויב פון דער באַשאַפונג, וואָס גאָט
האָט באַשאַפן, ביז אַצונד, און עס וועט מער נישט
20 זיין. און אויב דער האַר וואָלט נישט פאַרקירצט
די טעג, וואָלט קיין בשר (ודם) נישט געראַטעוועט
געוואָרן; נאָר צוליב די אויסדערוויילטע, וועמען
ער האָט אויסדערוויילט, האָט ער פאַרקירצט די
21 טעג. (דניאל יב, א.) און אויב עמיצער וועט אייך
דעמלט זאָגן: זע דאָ איז דער משיח! זע,
22 דאָרטן!, זאָלט איר עס נישט גלויבן; וואָרום עס
וועלן אויפשטיין פאַלשע משיחים און פאַלשע
נביאים, און וועלן טון נסים און וואונדער, כדי צו
23 פאַרפירן, אויב מעגלעך, די אויסדערוויילטע. איר
אָבער גיט אַכטונג; זע, איך האָב אייך אַלץ
פאַרויס אָנגעזאָגט!
24 נאָר אין יענע טעג, נאָך יענער צרה, וועט די זון
פאַרפינסטערט ווערן, און די לבנה וועט נישט געבן
25 איר ליכט, (ישעיהו יג, י.) און די שטערן וועלן פאַלן
פון הימל, און די קרעפטן אין הימל וועלן דערשיטערט
26 ווערן. (ישעיהו לד, ד.) און דעמלט וועט מען זען
דעם בן־אדם קומען אין די וואָלקנס מיט גרויס
מאַכט און הערלעכקייט. (דניאל ז, יג, יד.) און דעמלט
27 וועט ער שיקן די מלאכים, און איינזאַמלען זיינע
אויסדערוויילטע פון די פיר ווינטן, פון עק ערד
ביז עק הימל.
28 און לערנט דאָס משל פון דעם פייגנבוים: ווען
זיין צווייג איז שוין זאַפטיק, און ברענגט אַרויס
די בלעטער, ווייסט איר, אַז זומער איז נאָענט.
29 אַזוי אויך איר, ווען איר וועט זען די דאָזיקע
זאַכן געשעען, זאָלט איר וויסן, אַז עס איז נאָענט
30 ביי די טירן. באמת זאָג איך אייך: דאָס דאָזיקע